# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת פינחס תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 441



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### שיר של יום ביי די תמיד של בין הערבים

"אֶת הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם" (כח ד)

די חכמים זאגן (תמיד ז ד) אז יעדן טאג בשעת ניסוך היין נאכן מקריב זיין דעם תמיד, האבן די לוים געזינגען דעם 'שיר של יום' אויף א באשטימטן סיסטעם - איין קביעות'דיגע קאפיטל אויף יעדן טאג פון די וואך. אויך מיר פירן זיך אין זייערע פוס טריט צו זאגן דעם קאפיטל יעדן טאג ביים ענדיגן דאווענען שחרית. אבער דער טור (או"ח קלג) שרייבט אז וויבאלד "השיר לא היה מצותו אלא בבוקר", דעריבער זאגן מיר דעם 'שיר של יום' נאר נאך שחרית און נישט נאך מנחה.

און די מפרשים וואונדערן זיך פון וואס עס שטייט אין מסכת ראש השנה (ל ב) אז אויך נאכן מקריב זיין דעם תמיד של בין הערבים האבן די לוים געזינגען דעם שיר של יום?

ערקלערט מהר"מ אלשיך: דער טור מיינט נישט צו זאגן אז מען האט נישט געזאגט דעם שיר של יום נאכן תמיד של בין הערבים, נאר אז דער שיר נאכן תמיד של שחר איז לעיכובא, און אויב מען האט עס נישט געזינגען האט מען נישט יוצא געווען, אבער דער שיר פון תמיד של בין הערבים איז נישט מעכב (ראה ערכין יא א). וועגן דעם האט מען נישט געזאגט דעם שיר של יום נאר ביי שחרית.

שו"ת 'מהר"ם אלשיך' סי' קלח

### יעדן טאג א יו"ט

"צַו אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אֶת קָרְבָּנִי לַחְמִי לְאִשַּׁי רֵיחַ נִיחֹחִי תִּשְׁמְרוּ לְהַקְרִיב לִי בְּמוֹעֲדוֹ" (כח ב)

**דער קאזניצער מגיד זאגט:**

"במועדו" באדייט אויך יום טוב; אין יעדע צייט וואס "אֶת קָרְבָּנִי לַחְמִי לְאִשַּׁי רֵיחַ נִיחֹחִי תִּשְׁמְרוּ לְהַקְרִיב לִי" איז דאס "בְּמוֹעֲדוֹ" - עס ווערט א יום טוב צוליב דעם קרבן. און מען דארף וויסן אז נישט נאר דורך א קרבן ווערט יום טוב, נאר אויך דורך תפילה וואס איז אנשטאט א קרבן.

'דעת משה' אמור

### פארמינערן די פרים – לטובת די אידן

"וְהִקְרַבְתֶּם עֹלָה אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחֹחַ לַה' פָּרִים בְּנֵי בָקָר שְׁלֹשָׁה עָשָׂר אֵילִם שְׁנָיִם כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה אַרְבָּעָה עָשָׂר תְּמִימִם יִהְיוּ" (כט יג)

רש"י ערקלערט (ע"פ סוכה נה ב) אז אין לויף פון יו"ט סוכות האט מען מקריב געווען די שבעים פרים אקעגן די שבעים אומות העולם, און דאס האט באשיצט די פעלקער פון די יסורים. די צאל פון די פרים וואס מען האט מקריב געווען איז פארמינערט געווארן פון טאג צו טאג; אין דעם ערשטן טאג האט מען מקריב געווען דרייצן, דעם צווייטן טאג צוועלעף א.א.וו., מיט דעם האט השי"ת מרמז געווען אז די פעלקער וועלן פארמינערט ווערן.

לכאורה דארף מען פארשטיין: וויאזוי קען זיין אז גוט'ס און שלעכט'ס קומען ארויס פון די זעלבע זאך; אויב מקריב זיין די פרים קומט באשיצן די פעלקער, וויאזוי קען זיין אז אין די זעלבע צייט איז עס מרמז אז זיי וועלן אפגעמעקט ווערן פון דער וועלט?

זאגט **רבי שלמה קלוגער** אז דער וואס איז מדקדק אין לשון פון רש"י וועט זען אז די צוויי כוונות וואס זענען אין קעגנזאץ באציען זיך אויף צוויי פארשידענע תקופות:

בזמן שבית המקדש היה קיים, ווען די אידן זענען געזיצן בשלוה אין זייער לאנד, איז ענדערשט געווען די קרבנות זאלן באשיצן אויף די פעלקער פון די יסורים, כדי עס זאל נישט קומען א פורענות אויף דער וועלט צוליב זייערע זינד. אבער בזמן הזה ווען די אומות העולם זיצן בשלוה, און מיר וואס זענען אין גלות זענען מקריב די פרים נאר דורכ'ן זיי דערמאנען ביי תפילת מוסף, האבן מיר אינזין דער חלק אז זיי ווערן ווייניגער, וואס דאס וועט צוברענגען א פארלענדונג פאר די אומות העולם וואס רודפ'ן אונז.

דער חילוק איז מרומז אין דער לשון פון רש"י: "פרי החג שבעים הם, כנגד שבעים אומות שמתמעטים והולכים. [בזמן הזה] סימן כליה להם, ובימי המקדש היו מגינין עליהם מן היסורין".

'אמרי שפר'

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### איך גיי זאגן א ברכה – אכטונג!

מיר אלע געבן אכטונג ענטפערן אמן ווען מיר זענען זוכה צו הערן א ברכה. אבער אמאל ווערט די ברכה געזאגט אין א צייט וואס מיר זענען פארנומען אין אונזערע געשעפטן און מיר כאפן זיך נישט.

דער אמת איז, אז א מענטש דארף שטענדיג זיין א "שומר אמונים", דאס הייסט, שטיין אויפן וואך מיט א פלינקייט און התלהבות, אויסנוצן און אויסכאפן יעדע געלעגנהייט צו זאגן אמן. וועגן דעם ווערן אונז מיר אנגערופן מיטן נאמען (ישעיהו כו, כב): "גוי צדיק שומר אמנים", ווייל מיר ווארטן אפ און זוכן נאך שטענדיג נאך א אמן און נאך א אמן, און מיר זאמלען א גרויסן אוצר לנצח נצחים.

אבער, 'לא ניתנה תורה למלאכי השרת', און נישט איינמאל פאסירט אז נאר לאחר מעשה, כאפן מיר זיך אז אט יעצט איז געזאגט געווארן א ברכה און מיר האבן נישט געענטפערט אמן. מיר דארפן וויסן, ווען א ברכה ווערט געזאגט נעבן אונז און מיר ענטפערן נישט, אויסער וואס מיר האבן דערלייגט א טייערע מצוה, דאס עצם זיך פארהוילן פון די ברכה איז א הארבע זינד.

איך וויל חלילה נישט מקטרג זיין, אבער עס איז באקאנט די ערציילונג אויף רבי מרדכי יפה בעל ה'לבושים', ווען ער האט געלערנט ביי זיין רבי'ן רבי יצחק אבוהב האט אמאל פאסירט אז דער קליינער זון פון רבי יצחק האט געזאגט א ברכה און אומבאמערקט האט רבי מרדכי נישט געענטפערט אמן. הרב אבוהב האט אים - וועגן דעם - אריינגעלייגט אין 'נידוי' און מוסר געזאגט אויף די הארבקייט פון די זינד פון נישט ענטפערן אמן אויף א ברכה. ער האט אויך צוגעגעבן און געזאגט, אז עס איז שוין געווען אזא מעשה אין די פריערדיגע דורות ווען א חסיד איז מחוייב געווארן מיט טויט שטראף, ווייל ער האט זיך אפגעהאלטן פון ענטפערן אמן אויף די ברכה פון זיין זון (סידור 'נהורא השלם' פרק טו).

איך האב געטראכט פארשלאגן, אז יעדער וואס האלט פארן זאגן א ברכה, זאל ערשט אויפמערקזאם מאכן די ארומיגע, און בעטן און ערוועקן צו ענטפערן אמן נאך זיין ברכה. אזוי ווי דער וואס זאגט קדיש איז מעורר דעם ציבור איינמאל און נאכאמאל: "ואמרו אמן", אזוי אויך דער מברך זאל מעלדן פאר די ארומיגע אז ער גייט יעצט זאגן א ברכה און זיי זאלן צוהערן און ענטפערן 'אמן'.

מען דארף אנמערקן, אז אויך דאס זאגן "ואמרו אמן" איז נישט א טייל פון די קדיש, און דער ציל פון עס זאגן איז נאר צו מעורר זיין און אנווארעמען דעם ציבור געדענקען צו ענטפערן אמן. און הגם אז די חז"ל האבן שטארק מחמיר געווען אין די זינד פון רעדן בשעת'ן זאגן קדיש, פון דעסוועגן האבן זיי מתקן געווען אז דער וואס זאגט קדיש זאל צואיילן דעם עולם צו ענטפערן אמן. איז אוודאי אז דער מברך זאל מזרז זיין די צוהערער איידער ער זאגט א ברכה זיי זאלן ענטפערן אמן נאך זיין ברכה.

**מיט א רוף "ואמרו אמן"**
**און א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# אמן אן צו שטאמלען

"טטטטאטי... אאאאיך ווויל גגגגיין אאאאין ששששול...". דער קליינער יאסעלע האט קוים געקענט פארענדיגן דעם זאץ, און ווען עס איז געלונגען האט ער אראפגעלאזט די אויגן פון בושה און אפגעאטעמט פון די פלאג און מי.

ר' אליקים האט געקוקט אויף זיין זון'ס אפגעמוטשטן פנים, און דאס הארץ איז אים צוגאנגען צו זען ווי ער פלאגט זיך. יאסעלע, זיין טייערער זון, דער טאלאנטפולער יונגל, וואס איידער ער איז געווארן דריי יאר, האט ער אלעמען באוואונדערט מיט זיין פליסיגן רעדן, און זינט דעמאלטס האט דאס מויל נישט אויפגעהערט פון צו קוועלן חכמה'דיגע ווערטער, און יעצט איז אים שווער אנגעקומען ארויסזאגן אפילו די קלענסטע זאץ.

יאסעלע דער טאלאנטער און קלוגער יונגל, וועלכער איז אלעמאל געווען באליבט אויף זיינע עלטערן און מלמדים, האט זיך אויסגעצייכנט אין זיינע לימודים און געהאט חן אים אלעמענ'ס אויגן. קיין פראבלעמען האבן זיך ביי אים קיינמאל נישט געפונען, נישט אין געביט פון לערנען און נישט אין די געזעלשאפטליכער געביט. יאסעלע איז ביז יעצט געווען א קינד צום באוואונדערן און א מוסטער קינד - א קינד פון נחת. אבער יעצט איז אלעס ליידער פארקערט; דער פאקט אז זיין רעדן איז פארבינדן געווארן מיט גרויסע שוועריקייטן, האט צוגעברענגט ער זאל צוביסלעכווייז רעדן ווייניגער, און דער מלמד וואס האט ביז יעצט באוואונדערט זיינע מעלות, איז יעצט געצוואונגען געווען צו מעלדן מיט טרויער אויף א באדייטנדע שוואכקייט אין זיין באטייליגונג אין די שיעורים.

אן קיין ווארענונג פון פריער, האט זיך זיין לעבן געטוישט אין איין מינוט. אין איין העלן טאג האט יאסעלע, צוליב אן אומבאקאנטע סיבה, פלוצים אנגעהויבן שטאמפערן. אנשטאט די פליסיגע קלוגע ווערטער, זענען פון זיין מויל ארויסגעקומען שטיקלעך ווערטער און צובראכענע ברומערייען.

אין אנהויב זענען די איבערראשנדע עלטערן געווען פארנומען צו וויסן דער סיבה פון זיין שטאמלען, זיי זענען מיט אים ארום געגאנגען צו ספעציאליסטן אין די געביט פון 'געפיל' וועלכע האבן געזוכט צי די סיבה פון זיין שטאמלען איז דער דרוק פון דעם חודש'ליכן בחינה אין תלמוד תורה, אדער עס איז געקומען פון די פיבער וואס האט אים לעצטנס געפלאגט... נאכן זוכן און נישט געפונען האבן זיי צוגעזאגט פאר די געטרייע עלטערן אז ווי עס זעט אויס וועט דאס אוועקגיין. אבער אויך נאך טעג און חדשים האט ער נאך אלץ געשטאמלט, ווען דאס פארדרייט אינגאנצן זיין סדר היום און צוברעכט אים גייסטיש...

יעצט האבן די איבערגעגעבענע עלטערן אנגעהויבן זארגן, וואונדערן און דאווענען.

אין איין טאג האט ר' אליקים זיך געפונען גיין אויפן וועג צו דעם באקאנטן הויז פון מרן הגאון רבי חיים קניבסקי זי"ע. ווען ער מורמלט מיט געפיל קאפיטלעך תהילים אויף די הצלחה פון זיין טייערן זון.

צו די שטוב פון הגרח"ק איז ער אנגעקומען נאך לאנגע טעג און חדשים פון זיך אוועקגעבן פאר זיין זון'ס רפואה. ער איז ווייניג געשלאפן, ארום געגאנגען זיך באראטן מיט וועמען ער האט נאר געקענט; געפרעגט א עצה פון די ספעציאליסטן אין דעם תחום, דורך די הילף פון די מעדיצינישע עסקנים האט ער זיך פארבינדן מיט די בעסטע דאקטורים, אין די צייט האט ער אנגעקלאפט אויף די טירן פון עלטערע און עפארענע מחנכים. די האבן אזוי געזאגט און אנדערע האבן אנדערשט געזאגט. צום ערשטן מאל האט ער געהערט פון געוויסע מעדיצינישע באהאנדלונגען מיט נעמען וואס איז אים שווער געווען איבערזאגן, נארמאטיוו און אלטערנאטיוו. אין זיין מח זענען אגאנצן טאג ארום געלאפן די נעמען פון די פארשידענע ספעציאליסטן באקאנטע און נישט באקאנטע.


די רייע טרעפ וואס פירט צו די הויז פון מרן הגר"ח קניבסקי זי"ע

מיט א האפן עצות און פלענער, וואס קענען אפשר יא העלפן אדער נישט, איז ער יעצט געשטאנען און געווארט צו הערן די באשלוס און די עצה פון רבן של ישראל. ער האט געוואלט זיין רואיג פון די באשלוס וואס ער וועט נעמען איבער די באהאנדלונג וואס ער וועט אויסוועלן פאר זיין זון און די שריטן וואס ער וועט נעמען ביז ער וועט זיך ערהוילן בסיעתא דשמיא.

נאך ווארטן לאנג איז אנגעקומען זיין רייע. ער האט זיך געפונען שטיין אקעגן ר' חיים'ן. מיט ציטער פון התרגשות האט ער געשילדערט דעם צושטאנד פון זיין זון, דאן האט ער פארגעלייגט די פראגע, ווען ער רעכנט אויס די דילעמעס און שילדערט די זארג וואס באגלייט יעדע אזא סארט באהאנדלונג.

ר' חיים האט זיך פארטראכט, און ענדליך געגעבן א קורצן און שטארקן ענטפער: "געב אכטונג אויף ענטפערן אמן" - האט ער געזאגט פארן איבערראשנדן פאטער, וואס האט אינגאנצן נישט ערווארטעט אזא ענטפער.

"און וואס איז וועגן דעם דאקטער?" האט ער ווידער געפרעגט אין א פארלעגנהייט.

"זיי מקפיד אויף ענטפערן אמן" - האט ר' חיים איבערגעזאגט, צוגעבנדיג: "ווייל דו ביסט א תלמיד חכם, לייג דיך אריין אין דער ענין פון ענטפערן אמן, לערן די סוגיא און שרייב א הלכה'דיגן בירור אויף דעם ענין".

דער טאטע האט נישט געפרעגט נאך א שאלה. ער האט זיך אויסגעדרייט און איז ארויס פון די הייליגע הויז מיט א שטילקייט און הכנעה.

זיינע פוס האבן אים געפירט צום בית המדרש. ער האט אנגעהויפנט אויפן טיש אסאך ספרים. ער האט זיך פארטיפט אין די סוגיא אין מסכת פסחים, און געוועבט ביז צו א סוגיא אין מסכת ברכות. ראשונים און אחרונים, שו"ת ספרים און פוסקים האט ער געעפענט, און געשריבן זיינע חידושים...

א פרק און נאך א פרק, און א נאך ציגל איז געלייגט געווארן אויף דעם געביידע. די תורה'דיגע-ארטיקל האט זיך פארצווייגט, און נאך עטליכע וואכן פון פלאג איז פאר זיינע אויגן געשטאנען דער חיבור, וואס עס איז בשלימות און קלאר. די מסקנות פון דער הלכה זענען ארויסגעקומען קלאר און מסודר, אויסגעשטעלט לויט די שיטות הראשונים, והיו הדברים מאירים כנתינתן מסיני.

אין דעם טאג וואס ער האט פארענדיגט שרייבן זיין מאמר, אזוי ווי מרן הגר"ח האט אים באפוילן, ביים זיך צוריק קערן אהיים איז ער איבערראשט געווארן צו הערן ווי זיין זון יאסעלע ווענדט זיך צו אים מיט א פראגע: "טאטע, וואס לערנסטו?".

די תמימות'דיגע פראגע וואס איז געפרעגט מיט א קלארן קול, אן צוברעקלטע ווערטער און אן זיך פלאגן צו אטעמען, האט צוגעברענגט אז ר' אליקים זאל שרייען מיט התרגשות: "יאסעלע! זאג איבער, וואס האסטו געפרעגט?". "איך האב געפרעגט, וואס לערנסטו יעצט", האט יאסעלע געזאגט, און אן ווארטן אויף א ענטפער איז ער זיך געגאנגען שפילן מיט זיינע ברודער אין קינדער-צימער.

די פראגע, איז נאר געווען א אנהייב, אויף דעם איבערראשנדע און געוואונטשענע טוישונג וואס איז אין אים פארגעקומען. די שווערע שטאמלינג איז פארשוואונדן געווארן ווי קיינמאל פריער געווען. יאסעלע האט אנגעהויבן רעדן לאנגע און קלארע זאצן, אן צו געדענקען דעם מינדעסטן שטאמל וואס האט אים לעצטנס אנגעטראפן.

ר' אליקים מיט זיין ווייב, וועלכע זענען גערירט געווען פון דעם גרויסן נס, האבן אפגעראכטן א סעודת הודאה, וואו מען האט געזאגט תפילת "נשמת" מיט א שבח והודיה פאר השי"ת. און זייער זון וואס איז יעצט אויסגעהיילט געווארן האט זיך צו דעם צוגעשטעלט מיט זיין קלארן און זיסן שטימע. אין דערצו, האבן זיי באשלאסן צו דערציילן זייער פערזענליכע געשיכטע. צו וויסן טון פאר יעדן די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן און זיך באשעפטיגן מיט די הלכות, געהאלפן ווערן אין יעדע צייט פון צרות און נויט.

מיר האבן זוכה געווען צו זיין די גוטע שליחים צו דערציילן און מפרסם זיין זייער געוואלדיגע לויב פארן באשעפער.

געהערט פון דער בעל המעשה

# ברכו אמוני

## א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

# די ברכה 'רצה'

## די מקור פון די ברכה

נאך די ברכה שומע תפילה האבן די חכמים אוועק געשטעלט די ברכה 'רצה'. ווייל מיר טרעפן אז דער נביא האט דערמאנט די עבודה פון מזבח נאך 'תפילה' וואס ווערט אנגערופן עבודה שבלב, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה נו ז): "והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי עולותיהם וזבחיהם לרצון על מזבחי". אויך שלמה המלך, נאכן ענדיגן בויען די בית המקדש, האט ער פריער געדאווענט און נאר נאכדעם דארט מקריב געווען קרבנות (מגילה יח א; מהרש"א ח"א שם).

די ברכה האבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען אין די צייטן פון בית שני, און די ברכה בעט מען אז די קרבנות זאלן אנגענומען ווערן לרצון לפני ה' און די עבודה זאל קיינמאל נישט בטל ווערן, אבער זיי האבן דעמאלטס נישט געבעטן: "והשב את העבודה לדביר ביתך", ווייל די עבודה פון מזבח איז שטענדיג געווען ביז צום חורבן בית שני. צוליב די סיבה האט מען אויך נישט אויסגעלאזט: "המחזיר שכינתו לציון", נאר: "ברוך אתה ה' שאותך לבדך ביראה נעבוד" ('סדר היום' כוונת שמונה עשרה; 'תפארת ישראל' תמיד ה ד).

אבער עס איז דא וואס שרייבט אז אויך אין בית שני האט מען אויסגעלאזט די ברכה מיט א געבעט אז די שכינה זאל צוריק קומען. ווייל די חכמים זאגן (יומא כא ב) אז אין בית שני האט נישט גערוט די שכינה אזוי ווי אין בית ראשון. כאטש די עבודה איז אנגעגאנגען אין דעם, פון דעסוועגן ווייל דער ארון איז נישט געווען אין קודש הקדשים (שם) איז די עבודת הקטורת פון יום הכיפורים אין קודש הקדשים נישט געטון געווארן ווי עס דארף צו זיין (ראה יומא נב ב). וועגן דעם בעט מען: "והשב את העבודה לדביר ביתך", ווייל "דביר" איז א כינוי אויף די קודש הקדשים ('משאת כפי' ח"א עמ' פ).

## קרבנות אין היינטיגע צייטן

אין די הויכפונקט פון די ברכה בעטן מיר: "ואשי ישראל ותפלתם מהרה באהבה תקבל ברצון". לכאורה היינטיגע צייטן זענען מיר נישט מקריב קיין קרבנות, איז וועגן וואס בעטן מיר: "ואשי ישראל... תקבל ברצון"?

אין מסכת מנחות (קי א) ברענגט די גמרא דעם פסוק (ד"ה-ב' ב ג): "לעולם זאת על ישראל", וואס פון דא זעט אויס אז שטענדיג וועט מען מקריב זיין קרבנות, אויך נאכן חורבן הבית, און די גמרא ערקלערט אז אויך אין אונזערע צייטן איז פארהאן: "מזבח בנוי [אין הימל] ומיכאל השר הגדול עומד ומקריב עליו קרבן". אין מדרש טרעפן מיר א מחלוקת וואס זענען די קרבנות וואס מיכאל איז מקריב: "יש מי שאומר - נשמותיהן של צדיקים, ויש מי שאומר - כבשים של אש" (תוספות שם ד"ה ומיכאל). אלנפאלס זעט מען אז אויך בזמן הזה זענען פארהאן קרבנות, און מען קען זאגן אז אויף דעם בעט מען: "ואשי ישראל...תקבל ברצון". אבער עס זענען דא וואס טייטשן די בקשה "ואשי ישראל" איז א המשך אויף די פריערדיגע בקשה: "והשב את העבודה לדביר ביתך ואשי ישראל", ד.מ. אז די עבודה אין בית המקדש און מקריב זיין די קרבנות זאל זיין ווי אמאל (תוספות שם). דער ט"ז (או"ח קכ א) נעמט אן דעם ערשטן פשט, אבער דער גר"א (שם) שרייבט אז דער עיקר איז ווי דער צווייטער פשט.

## די באדייט פון די ברכה

די ברכה 'רצה' איז די ערשטע פון די דריי לעצטע ברכות פון שמונה עשרה. אויף די ברכות זאגן די חכמים אז זייער אינהאלט איז א לויב פאר ה' - "כעבד שקיבל פרס מרבו, ונפטר והולך לו" (ברכות לד א. וראה רמב"ם תפילה א ב). אבער לכאורה נאר די ברכה פון 'מודים' איז די איינציגסטע וואס מען קען אנרופן 'הודאה', אבער די ברכה און אויך די ברכה 'שים שלום' זענען דאך בקשות פונקט ווי די מיטלסטע ברכות?

דער אבודרהם (סדר תיקון התפילות ועניניהם) ערקלערט: די בקשות פון די מיטלסטע ברכות זענען אויף די אייגענע באדערפענישן פון דער מענטש. דאקעגן די בקשות אין די לעצטע ברכות האבן א שייכות מיט כבוד שמים [די עבודה אין בית המקדש זאל צוריק זיין ווי אמאל, און עס זאל הערשן שלום צווישן די אידן] און נישט פאר אונזערע געברויכן.

דער רדב"ז (שו"ת, ח"ח סי' טו) ערקלערט אז די הויכפונקט פון די דריי לעצטע ברכות איז די ברכה 'מודים', און צוליב איר געוואלדיגע חשיבות און איר אייגנארטיקייט האט מען מתקן געווען א ברכה פריער און שפעטער אזוי ווי מ'האט מתקן געווען ביי קריאת שמע. קומט אויס אז אלע דריי לעצטע ברכות ווערן גערעכנט פאר איין ברכה וואס באדייט הודאה.

## די אויספיר פון די ברכה

די בקשה ביי די אויספיר פון די ברכה - "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", ערקלערט אזוי רבי יהונתן אייבשיץ: ווען די מלאכים האבן געראטעוועט לוט פון סדום, האבן זיי אים אנגעווארנט (בראשית יט יז): "המלט על נפשך אל תבט אחריך". ווייל לוט איז נישט געראטעוועט געווארן אין זיין אייגענע זכות נאר אין זכות פון אברהם, האט ער נישט געמעגט זען וויאזוי אנדערע ווערן געשטראפט אין די צייט וואס ער ווערט געראטעוועט (רש"י שם). פון דעם זעט מען אז ווען איינער ווערט געראטעוועט אין זיין אייגענע זכות מעג ער קוקן. וועגן דעם בעט מען אז די גאולה זאל קומען אויך אין אונזער זכות און נישט נאר אין זכות פון די אבות, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" ('יערות דבש' ח"א דרוש א).

רבי משה שמואל שפירא האט אזוי ערקלערט די תפילה: ווען עס וועט זיין די גאולה וועט זיין גאר וואונדערליכע ערשיינונגען וואס קען צוברענגען אז דער מענטש וועט מסיח דעת זיין, אז ער וועט נישט אריינטראכטן אין די הויכפונקט פון די גאולה, און דאס איז: ווי כבוד ה' ווערט אנטפלעקט אויף דער וועלט. וועגן דעם בעט מען: "ותחזינה עינינו" - אז אונזערע אויגן זאלן זיין אפן צו זען און פארשטיין וואס עס וועט זיין "בשובך לציון ברחמים", ווי די געוואלדיגע כבוד ה' ווערט אנטפלעקט אויף דער וועלט ('זהב משבא' ויחי).

## די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז הקב"ה וועט צוריק ברענגען זיין שכינה קיין ציון, און הלוואי מיר זאלן שוין ווי שנעלער זוכה זיין דאס צו זען.

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" (כה יא)

טייטש דער 'ייטב לב':

## מאה ברכות שטעלן אפ מגיפות

חז"ל זאגן (במ"ר יח כא) אז אין די צייטן פון דוד איז געווען א מגיפה און עס זענען געשטארבן יעדן טאג הונדערט מענטשן, און דערנאך וואס דוד האט מתקן געווען מען זאל זאגן יעדן טאג מאה ברכות האט זיך די מגיפה אפגעשטעלט. די חכמים לייגן צו אז די תקנה איז אויך מרומז אין פסוק (שמואל-ב' כג א): "וְאֵלֶּה דִּבְרֵי דָוִד הָאַחֲרֹנִים נְאֻם דָּוִד בֶּן יִשַׁי וּנְאֻם הַגֶּבֶר הֻקַם עָל", "על" איז בגימטריה הונדערט.

אויך דער פסוק: "הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" קען מען טייטשן אויף דעם וועג; פנחס בן אלעזר האט צושטערט די צארן פון השי"ת פון די אידן און האט אפגעשטעלט די מגיפה, מיט דעם וואס ער האט אויף זיי מלמד זכות געווען אז זיי וועלן זאגן "על" ברכות. און כאטש די תקנה פון מאה ברכות איז ערשט געווארן אין די צייטן פון דוד, זאגן שוין די חכמים (ב"ר כט ה) אז הקב"ה רעכנט 'על שם העתיד'. 'ייטב לב'

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

### זעכצן אמן'ס פון ברכות השחר

אין זיין ספר "נדחי ישראל' (פ"ה) באציט זיך דער 'חפץ חיים' אויף ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר, ווי א טייל פונעם סדר היום פון יעדן איד, און אזוי שרייבט ער: "און אויסער דעם, אויב דאוונט ער בציבור וועט אים צוקומען יעדן טאג עטליכע צענדליגער מצוות, פון די 'אמנים' וואס ער ענטפערט אויף יעדע ברכה וואס ער הערט, און דאס זענען די זעכצן ברכות השחר, און נאך פיר אמנים ביז שמונה עשרה, און ניינצן פון חזרת הש"ץ, און נאך עטליכע אמנים פון די קדישים וואס איז דא ביי יעדע תפילה בציבור... וואס באטרעפן נאנט צו זעכציג אמן'ס נאר פון תפילת שחרית אליין".

### מיין גאנצע חיות שעפ איך פון 'אמן'

דער אמרי חיים פון וויזשניץ האט זיך געפירט זאגן יעדן טאג די ברכות השחר הויעך אויפן קול אין בית המדרש, און נאכדעם האט איינער פון די מתפללים איבער געזאגט די ברכות השחר און דער רבי מיטן גאנצן ציבור האבן גערנטפערט אמן נאך זיינע ברכות.

אין די וויזשניצע ישיבה אין בני ברק איז געוועזן א אלטער איד אין עלטער פון ארום הונדערט יאר וואס האט נאך זוכה געוועזן צו זיין ביים 'צמח צדיק'. דער איד איז יעדן אינדערפרי געקומען שטיין נעבן דעם 'אמרי חיים', צוהערן צו די ברכות השחר וואס ער האט געזאגט און ענטפערן אמן. איין אינדערפרי, נאכן דאווענען איז ער צוגעגאנגען צום רבי'ן און זיך אפגערעדט: 'פארוואס האט דער רבי היינט נישט געזאגט די ברכות הויעך אויפן קול?' און האט צוגעלייגט: 'מיין כח הראי' האב איך שוין פארלוירן... היינט קען איך שוין נישט ליינען אדער לערנען, און מיין גאנצע חיות האב איך פון ענטפערן אמן נאך די ברכות פון רבי'ן...'

דער רבי האט פארשטאנען אז דער האט אויך אנגעהויבן ליידן אויפן שמיעה, און פון יענעם טאג פלעגט ער יעדן אינדערפרי צוגיין צו די פלאץ פון דעם אלטיטשקן אין עק בית המדרש, און זאגן הויעך די ברכות (בטאון ויז'ניץ גליון מס' 27 עמ' 15).

### שלא עשני שפחה

הגר"ח קנייבסקי זצ"ל און זיין רעביצין ע"ה פלעגן זאגן יעדן אינדערפרי די ברכות השחר איינער פארן צווייטן, און געענטפערט אמן איינער פארן צווייטן. די רעביצין האט זיך געפירט ווי די שיטה פון דער יעב"ץ אין זיין סידור ('ברכות השחר') צו זאגן מיט דער נוסח: "שלא עשני גויה"; "שלא עשני שפחה" (ראה 'שבט הלוי' ח"י סי' ח).

איינמאל ערב פסח האט הגר"ח געהאט א טעות און אויך געזאגט "שלא עשני שפחה" [זעה אין 'חשוקי חמד' מנחות מג ב אז דער וואס זאגט אזוי דעם נוסח איז יוצא און דארף נישט איבערזאגן]. האט אים די רעביצין געזאגט מיט א ווערטל: 'איינמאל לויבסטו שוין דעם אויבערשטן אז איך בעט נישט קיין הילף פון דיר אין די ערב-פסח טעג...' און ער האט געשמייכלט ('מנחת תודה' - תורה עמ' תסו).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים'**

ענק זאלן געבענטשט ווערן פון השי"ת, אויף ענקער געוואלדיגע ארבעט צו פארשפרייטן די וויכטיקייט פון זאגן די מאה ברכות און ענטפערן אמן.

אין ענקער לעצטער ארטיקל [פון פרשת שלח] אויף די חשיבות פון זאגן מאה ברכות, האבן ענק ציטירט די ווערטער פון 'תורת חיים' אז דער פסוק (תהלים פד א): "כי טוב יום בחצריך מאלף בחרתי הסתופף בבית אלקי", איז מרמז אויף די ווערד פון די ברכות. ווייל יעדע "יום" וואס מען איז זוכה זיין "בחצריך" - אין שול, "טוב" איז עס בעסער "מאלף" זהובים וואס מען קען פארדינען אויף דער וועלט, ווייל דורך דעם וואס מען האלט זיך אויף אין די חצרות ה' קען מען משלים זיין דאס זאגן די "מאה ברכות" וואס אויף זיי באקומט מען טויזנט זהובים אין עולם הבא.

ליינענדיג די ווערטער האב איך אויפגעכאפט אז די ראשי תיבות פון דער פסוק זענען פונקט גימטריה צ"א, אזוי ווי די גימטריה פון אמן, און פון דא איז א רמז אויף וואס אייך האבן געברענגט אין נאמען פון ש"ך אז נאר א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט אמן, איז ווערד עשרה זהובים.

מיט א דאנק

**ש.ג**

**מודיעין עילית**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די אוהל אויף די קבר פון
רבי שלמה קארלינער זי"ע

### הרה"ק רבי שלמה מקארלין הי"ד
### כ"ב תמוז תקנ"ב

רבי שלמה איז געבוירן אין יאר תצ"ח אין שטעטל טולטשין צו זיין פאטער רבי מאיר. ער איז געוועזן א תלמיד פונעם מעזריטשער מגיד און פון רבי אהרן הגדול פון קארלין. נאך די הסתלקות פון רבי אהרן הגדול איז ער געווארן זיין ממלא מקום.

די וועג פון ר' שלמה אין עבודת ה' איז געוועזן א וועג פון התלהבות און השתוקקות. די וועג האט זיך באזונדער אנגעמערקט אויף אים ווען ער האט געדאוונט, עס האט אויסגעזען ווי ער גייט ארויף אין הימל, און נאר זיין גשמיות'דיגע קערפער איז געבליבן אויף דער וועלט. רבי שלמה קארלינער איז געוועזן געשעצט ביי די אויגן פון די גדולי הדור. דער בעל התניא האט אויף אים געזאגט: "ווער קען זיך צוגלייכן צו רבי שלמה קארלינער? ער איז דאך א טפח העכער די ערד" ('שמע שלמה ח"ב אות כח).

שבת קודש י"ז תמוז אין יאר תקנ"ב האבן קאזאקן זיך ארייגעבראכן אין זיין בית מדרש און דערשאסן פופצן מתפללים. רבי שלמה איז געוועזן פאר'דביקות'ט אינמיטן זאגן 'כתר' און האט נישט אין אכט גענומען וואס ס'טוט זיך. זיין אייניקל האט פון שרעק אים געצויגן זיין טלית, און ווען ער האט אויסגעדרייט זיין קאפ האבן די קאזאקן ימ"ש אים דערשאסן. פינף טעג האט ער זיך געפונען בין חיים למוות, און אין כ"ב תמוז האט ער צוריק געגעבן זיין הייליגע נשמה צום באשעפער. ער איז באערדיגט געווארן אין די אלטן בית החיים אין לודמיר וואס איז אין מערב אוקריינא.

### שערי תשובה

די חכמים (שבת קיט ב) האבן צוגעזאגט א באזונדערע און וואונדערליכע שכר פאר דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין: "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן". פארוואס שטייט 'פותחין', און נישט 'יפתחו' מיט א לשון עתיד? ערקלערט רבי שלמה אז די 'שערי גן עדן' זענען די 'שערי תשובה', דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו, איז זוכה עס זאל זיך עפענען פאר אים די שערי תשובה, און דורך דעם וועט ער קענען שפירן א תענוג 'גן עדן' אויף דער וועלט [אזוי ווי די חכמים זאגן (אבות ד יז): "יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא"] ('בית אהרן' בראשית, הגש"פ, לראש השנה).

### זיך זעטיגן פון ברכת המזון

דעם פסוק (דברים ח י) "ואכלת ושבעת וברכת" האט רבי שלמה אזוי אויסגעטייטש: "ואכלת ושבעת" פון "וברכת", ד.מ. אז דער מענטש דארף בענטשן אין אזא מדריגה אז זיין חיות און זעטיגקייט זאל זיין פון די ברכה ('נפלאות חדשות' פרשת עקב).